בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטפאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום א' פ' בהר | ד' אייר | תשע"א | פסחים: נ"ב

# באריכט:

דעם פארגאנגענעם ליל שב"ק איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום טיש ארום 15 מינוט נאכ'ן גוט שבת זאגן אין היכל השלחנות. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר חיים יצחק דעבלינגער הי"ו פון ירושלים, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר ישראל ארי' פישער הי"ו פון בארא פארק.

ביי די דברות קודש האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפן מדרש "לעולם אל יהי מצות עומר קלה בעיניך שבשבילה תכנס לארץ", און אויסגעטייטש בדרך דרוש בענין כמות ואיכות.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר אלי' סימאן שליט"א ר"מ במתיבתא הק', מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרב יוחנן טייטלבוים שליט"א פון ירושלים נכד הרה"ג מ'סעמיהאלי ז"ל. מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יוסף דוד שנעעבאלג שליט"א ראה"כ דברי יואל ב"פ ודומ"ץ טשערנאוויץ.

עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הרה"ק רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע, און מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרב שמואל קרישעווסקי הי"ו פון ירושלים עיה"ק.

שב"ק בייטאג נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל שלמה ב"ר בנציון זאלדאן הי"ו ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל און דער ברית לבן הנולד לר' ישראל פריינד הי"ו פון קרית יואל.

שבת נאכמיטאג האט דער רבי שליט"א פארגעלערנט פרקי אבות אין ביהמ"ד הגדול, ווי דער רבי שליט"א האט זיך געשטעלט אויף די ערשטע משנה אין פרק ב', און אויסגעטייטש אויף עטליכע אופנים בדרך אגדה ומוסר, און צום סוף מאריך געווען בדברי התעוררות פאר די אלע וואס פארן קיין ארץ ישראל צו אתרא קדישא מירון לרגל די הילולא פון רשב"י אז מען דארף וויסן אז דער ציל זאל טאקע זיין נאר רשב"י און נישט נוצן רשב"י פאר א תירוץ צו פארן אויף לוסט רייזעס, און צום סוף האט דער רבי שליט"א דערמאנט די גמרא וואס מען האט געלערנט די וואך אין פרק מקום שנהגו בחבורת יסודי התורה, כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו בפניו ושלא בפניו, אז אפילו ווען מען איז נישט

אין מירון קען מען זיך מקשר זיין מיט רבי שמעון און אויספועלן אלעס גוטס.

ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויף די מדרש "שבע שבתות תמימות תהיינה אימתי הן תמימות בזמן שעושין רצונו של מקום", אויסטייטשנדי'ג בדרך רמז מוסר ווי מען דארף אויספילן יעדן טאג מיט תורה ועבודה וקיום המצות.

೫•ೞ

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאוענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר קאפל גלאנץ הי"ו פון וויליאמסבורג זוהן פון הרה"ח שר העסקנים מוה"ר ארי' לייב גלאנץ הי"ו, הב' בן מוה"ר נחמי' ווייס הי"ו, און הב' בן מוה"ר זלמן לייב קליין הי"ו.

೫•ೞ

אזוי ווי אין די סדר אמירת תהלים בקהלתינו הקדושות פון יעדן טאג נאך תפילת שחרית קומט אויס אז אויף מארגן – מאנטאג – יום ה' אייר, זאל מען דארפן זאגן די מזמורים פון הלל ביום אידם, האט מען ע"פ הוראת קדשו פון מרן רבינו שליט"א געטוישט דעם סדר און מארגן וועט מען אי"ה זאגן קאפיטלעך קי"ט און ק"כ. און אזוי אויך האט זיך מרן רבינו שליט"א נוהג געווען היינט אינדערפרי זאגנדי'ג פון קאפיטל ק"י ביז קאפיטל קי"ט.

೫•ೞ

## אסיפת הסברה היינט נאכט<br>בביהמ"ד הגדול ב"פ

היינט נאכט – אור ליום ה' המר אייר וועט אין בית מדרשינו הגדול אין בארא פארק פאהרקומען א מעמד הסברה ווי עס וועט אי"ה אויפטרעטן הרה"ג ר' שמואל שלמה טעללער שליט"א מיט א אינהאלסטרייכער דרשה אום 9:30 פונקטליך.

אין בית מדרשינו הגדול אין בני ברק וועט אי"ה מארגן – מאנטאג פאהרקומען אן עצרת קינה ומחאה אום 8:45 אין אווענט ווי גדולי בעלי דרשנים וועלן אי"ה אויפטרעטן.

೫•ೞ

## ניחום אבלים – תיקון טעות

די גוטע אדרעס פון די שבעה פון משפחת הרה"ח מוה"ר יקותיאל הערש ווערצבערגער ז"ל איז אויף 84 ראססו סט. אפט. 3B

***ובלע המות לנצח***
***-בשורות טובות-***

೫•ೞ

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**